בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

מתוך פרשת
אח"ק תש"פ

יו"ל פר' אח"ק תשפ"ג



**נתנדב לזכר נשמת**
**רבינו הפני מנחם זי"ע**

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (יח, ה) 'ושמרתם את חקותי ואת משפטי אשר יעשה אותם האדם וחי בהם', רש"י ברענגט אראפ פון תורת כהנים 'וחי בהם - לעולם הבא, ואם תאמר בעולם הזה, והלא סופו מת הוא, הא מה אני מקיים וחי בהם לעולם הבא' [ווייל מושכל ראשון וואלט מען געטייטשט אז ס'גייט ארויף אויף עולם הזה, אזוי וויא די ראשונים זאגען אז דערפאר איז נישט מפורש אין די תורה די שכר און עונש פון חיי עולם הבא, נאר דאס וואס מען זעהט דא אויף די וועלט, ווייל עולם הבא - כשמו כן הוא - ס'איז נעלם און נסתר].

**לכאורה** דארף מען צו פארשטיין וואס די תורת כהנים זאגט אז 'וחי בהם' גייט ארויף אויף עולם הבא, ווייל מיר נעמען דאך אן אז פיקוח נפש איז דוחה אלע מצוות און אלע איסורי תורה, און די גמרא (יומא פה:) זאגט אין די מסקנה אז מ'לערנט דאס ארויס פונדעם וואס שטייט 'וחי בהם', אזוי וויא שמואל זאגט דארט 'אי הואי התם הוה אמינא דידי עדיפא מדידהו 'וחי בהם' - ולא שימות בהם, אמר רבא לכולהו אית להו פירכא בר מדשמואל דלית ליה פירכא', זעהט מען דאך אז פונדעם פסוק אליינט לערנט מען ארויס אז מ'איז דוחה כל התורה כולה - חיי עולם הבא, צוליב די לעבען דא אויף די וועלט, און מ'טייטשט 'וחי בהם' דא אין עולם הזה, און דאס איז דאך פונקט פארקערט פון די תורת כהנים [און ס'איז רעכטיג אז די תנאים דארט (יומא שם) לערנען עס ארויס פון נאך פסוקים, אבער דער פשטות איז אזוי וויא די מסקנת הגמרא אז מ'לערנט דאס ארויס פון 'וחי בהם', און רש"י וואס פארטייטשט פשטא דקרא, האט נישט געדארפען ברענגען די ווערטער פון די תורת כהנים (עי' מושב זקנים שהק' כן על רש"י בשם ר"י) [און דער רמב"ן ברענגט די הלכה פון וחי בהם ולא שימות בהם, און ער לייגט צו אז די דרש פון די פסוק איז וויא די תורת כהנים]].

**אויך** דארף מען פארשטיין די הוכחה פון די תורת כהנים וואס שרייבט 'וא"ת בעולם הזה, והלא סופו מת הוא', וואס איז דען אויב מ'שטארבט, צו דען קען

מען דאס מער נישט אנרופען 'וחי', אט טרעפען מיר ביי די נחש הנחושת אז ס'שטייט אין פסוק (חקת כא, ח-ט) 'והיה כל הנשוך וראה אתו וחי. והביט אל נחש הנחשת וחי', און מיר ווייסען דאך אז אלע יודען זענען געשטארבען אין מדבר און נישט געבליבען לעבען אויף שטענדיג, און אזוי אויך טרעפען מיר ביי א רוצח בשגגה אז ס'שטייט (שופטים יט, ד-ה) 'וזה דבר הרוצח אשר ינוס שמה וחי. הוא ינוס אל אחת הערים האלה וחי', צו דען גייט ער נישט שטארבען, ווייל ווען דער תורה מיינט אז מ'זאל בלייבען לעבען אויף שטענדיג שרייבט די תורה א לשון פון 'וחי לעולם', אזוי וויא ס'שטייט אין פרשת בראשית ביי די עץ החיים (בראשית ג, כב) 'ואכל וחי לעולם', אבער דא וואס עס שטייט נאר 'וחי בהם', קען מען דאס געבען צו פארשטיין אז ס'גייט ארויף אויף חיי עוה"ז כל זמן ער לעבט, און אויב אזוי וואס איז די הוכחה צו זאגען אז 'וחי בהם' גייט ארויף אויף עולם הבא [מ'וואלט געקענט ענטפערען אז אויב מ'מיינט דאס לעבען דא אין עולם הזה, איז דאך אויך דא דער רשע וואס לעבט אין עולם הזה, רשע וטוב לו, אבער ס'וועט נאך אלץ בלייבען שווער וואס איז די ראיה פון 'סופו למות' - אזוי וויא אויבען דערמאנט].

**נאר** פשט אינדעם איז, אז דער דיוק וואס דער תורת כהנים איז מדייק איז פונדעם וואס שטייט וחי '**בהם**', דאס מיינט אז מ'קען לעבען א 'חיי עולם הזה', אדער א העכערע לעבען פון חיי עולם הבא, דוד המלך ע"ה זאגט (תהלים קיט, יט) 'גר אנכי בארץ אל תסתר ממני מצותיך', **ר"ח ויטאל זי"ע** געבט דאס צו פארשטיין אין זיין פירוש - **עץ הדעת טוב** אויף תהלים, אז די נשמה איז חצובה פונעם כסא הכבוד, און ווען זי גייט אראפ דא אויף די וועלט ווערט זי אנגערופען א 'גר', און וויבאלד זי איז דא נאר א 'גר', ווייל זי קומט פון אויבען - מן השמים, בעט זי 'אל תסתר ממני מצותיך', וואס מיינט צו זאגען אז ס'נישט ראוי פאר מיר - א גופ'ניותדיגע מענטש אז ס'זאל איהם אנטפלעקט ווערען די נפלאות פון די תורה און די מצוות, ווייל דער 'עיקר' מיינע איז דאך די נשמה, און דאס איז חצובה מן השמים, און דאס איז נישט קיין חומריות, און אפילו אז זי איז אראפ געקומען דא אויף די וועלט איז זי נאך

אלץ געבליבען רוחניות'דיג, און זי איז צו געגליכען געווארען צו א 'גר' - א פרעמדע וואס וואוינט אינדרויסען פון זיין לאנד, וואס ווערט נישט אנגערופען נאר פון וואו ער שטאמט. 'באמור אלי כי אין ראוי אל האדם הגופני שיתגלו אליו נפלאות התורה ומצותיה, כי הרי עיקר שלי היא הנשמה, ומן השמים חוצבה, ואינה חומריות, ואף אם ירדה בארץ נשארה ברוחניותה, הריני דומה אל הַגֵּר הַגָּר חוץ מארצו שאינו נקרא אלא על שם מקומו', עי"ש.

**ווייל** טאקע לויט אונזער פליישיגע אויגען זעהט עס אויס אז דער עיקר איז די גשמיות'דיגע לעבען דא אויף די וועלט, אבער דאס אלעס קומט פונדעם וואס די חומריות און די גשמיות פארשטעלען די ריכטיגע חיות וואס איז פארהאנען, די תורה און מצוות און קדושה, וואס זיי זענען די ריכטיגע חיות, אבער אין אמת'ן אריין איז דאך יעדער יודישע נפש נישט נאר וויא א 'גר' - א פרעמדע דא אויף די וועלט, ווייל די חיות איז פון עולם הבא, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק 'אתהלך לפני ה' בארצות החיים', אז דוד המלך האט געבעטען אז די פארשטעלעכצער פון די עולם הזה זאל איהם נישט פארשטעלען די אור פון די מצוות און פון די אלוקות, נאר פארקערט, ס'זאל זיין אנטפלעקט פאר איהם די ריכטיגע חיות פון א יודישע נשמה - נשמת ישראל.

**און** דעריבער דאס וואס שטייט דא וחי 'בהם', מיינט צו זאגען אז די חיות דארף זיין אין 'תורה' און 'מצוות', זיך אפטוהן פון אלע איסורים און זיך באגרעניצען פון די שלעכט'ס, מיט א כוונה און א ווילען זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען - קדושים תהיו כי קדוש אני, מקיים זיין די מצוות מיט א חיבור צום רבונו של עולם, אזוי ווי ס'שטייט אין זוה"ק אז דיווארט 'מצוה' איז פון לשון צוותא, צו לערנען תורה מיט א דביקות אין נותן התורה - אז דער אייבערשטער איז 'יושב ושונה כנגדו', און דאווענען - תפלה כעומד לפני המלך. און דאס איז פשט וואס שטייט 'ואם תאמר בעולם הזה' - אז די חיות איז פון עניני עולם הזה, 'והלא סופו מת הוא' - און דאס ווערט בכלל נישט אנגערופען א לעבען, ווייל צו זיין 'וחי בהם' מיט א דביקות אין אייבערשטען, קען נישט זיין אז ס'גייט

ארויף אויף חיי עולם הזה, ווייל 'חיים' איז א דבר נצחי, און חיים גשמיים איז א פאלטשע לעבען, און נאר די דביקות אין אייבערשטען - אלקים חיים, וואס לעבט לעד לעולם ולעולמי עולמים, דאס איז די ריכטיגע לעבען, און דערפאר כל זמן וואס א מענטש לעבט דא אויף די וועלט, אויב ער געבט אוועק - ער איז 'מקדיש' זיין לעבען פאר קיום רצון ה', ווערט דאס אנגערופען לעבען - 'חיים', אבער דאס וואס ער לייגט אריין מיה און פלאג און צייט אויף עניני עוה"ז, כדי הנאה צו האבן און ערפילען זיינע תאוות, ווערט נישט אנגערופען קיין 'חיים'.

**חז"ל** זאגען (אבות סופ"ד) 'ואל יבטיחך יצרך שהשאול בית מנוס לך, שעל כרחך אתה נוצר, ועל כרחך אתה נולד, ועל כרחך אתה חי, ועל כרחך אתה מת, ועל כרחך אתה עתיד לתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא', לכאורה איז גאנץ פארשטענדליך דאס וואס שטייט אין די משנה אז די 'יצירה' און די 'לידה' איז בעל כרחך פון די נשמה וואס וויל נישט אראפ קומען דא אויף די וועלט, און אזוי קען מען פארשטיין דאס 'על כרחך אתה מת', ווייל יעדער איינער וויל לעבען, און פארשטייט זיך אליינט אז 'על כרחך אתה נידון', אבער וואס איז די באדייט פון 'על כרחך אתה חי', אט יעדער איינער וויל דאך לעבען, 'וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו', די 'רצון החיים' פון וועלען לעבען איז די שטארקסטע זאך וואס איז נאר דא ביי די מענטש.

דער **רע"ב** - די **ברטנורא** איז מפרש אז די פשט פון 'על כרחך אתה מת' איז, אז ס'דא אמאל א מענטש וואס ער איז 'מדוכה ביסורים' - ער איז ארום גענומען פון אלע זייטען מיט יסורים און ער וויל שטארבען, אבער ער קען נישט. אבער נאך אלץ איז דאס נאכנישט איינגאנצען פארענטפערט, ווייל מיר טרעפען דאך אז ס'דא אזעלעכע מענטשען וואס האבען זיך ל"ע יא גענומען דאס לעבען.

**די מהר"ל** געבט צו פארשטיין (דרך חיים שם) אז די עיקר כוונה פון דער תנא וואס זאגט 'על כרחך אתה חי', מיינט צו זאגען אז דער מענטש זאל נישט טראכטען אז טאקע געוויס בין איך באשאפען און געבוירען געווארען בעל כרחך - וואס אויפדעם האב איך נישט קיין שליטה, אבער דאס לעבען

וואס איך לעב, בין איך חי וקיים מצד עצמי - ווייל איך האב דאך א ברירה זיך צו נעמען די לעבען ל"ע, זאלסטו נישט אזוי זאגען נאר 'על כרחך אתה חי', דאס חיות איז נישט מצד דער מקבל בכלל, ווייל די ווילסט לעבען צוליב דעם לעבסט דו, נאר וויסען זאלסטו אז דו לעבסט 'על כרחך' מכח דער אייבערשטער וואס מאכט אלעס, יעדער אטעם און אטעם איז 'חיים ברצונו' - די רצון פון אייבערשטען, וויל מצד די בריאה איז גארנישט דא, נאר אלעס איז פון אייבערשטען אליינט - סיי די 'יצירה' און די 'לידה' און אלץ וואס געשעהט מיט איהם במשך זיין גאנצע לעבען, און דאס מענטש עגזעסטירט נאר פונדעם 'רצון הבריאה' פון דער אייבערשטער.

**און** אז מ'לעבט א לעבען מיט א דביקות אין אייבערשטען, מיט א שטענדיגע חיות מיט א פארבינדענשאפט מיט'ן רבונו של עולם, אויף אזא לעבען זאגט די תורה 'וחי בהם', ס'דא טאקע אמאל אז מ'דארף אפשטופען די לעבען פון תורה און מצוות פאר 'חיי שעה', אבער בדרך כלל ווען ס'איז נישט דא קיין סתירה צווישען די 'חיי שעה' צו די 'חיי עולם', דארף מען געדענקען אז דער גאנצע 'חיי שעה' איז באשאפען געווארען פאר די נוץ פון וחי 'בהם' - אין תורה און מצוות, תורה'דיג געלעבט, מצוה'דיג געלעבט, ווייל די לעבסט פון דער העכער'ן גייסט פונעם אייבערשטען וואס איז דיר 'מחיה' און האלט דיר ביי לעבען יעדער מינוט און מינוט.

**די** גשמיות'דיגע לעבען ווערט נישט אנגערופען קיין לעבען בכלל, א שטייגער וויא די מעשה וואס דער משגיח הגה"ח רבי גד'ל **אייזנר** ז"ל פלעגט פארציילען, אז ס'איז אמאל געווען א שדכן וואס האט אנגעטראגען א שידוך פאר איינער, און יענער האט געזאגט פאר'ן שדכן אז ס'איז נישט לפי כבודו ווייל דער זיידע פונעם חתן איז א פראסטע און מגושמ'דיגע מענטש, האט איהם די שדכן געזאגט אז ער קען זיין רוהיג ווייל די זיידע איז שוין געשטארבען, און טאקע נאכדעם האט מען געשלאסען די שידוך, און ווען ס'איז פארגעקומען די זמן חתונה, האט דער מחותן געזעהן עפעס א דארפסמאן, א מגושמ'דיגע מענטש וואס זיצט נעבען דעם חתן און טיילט

לחיים פאר'ן עולם, האט ער זיך ארום געפרעגט ווער דאס איז, האט מען איהם געזאגט אז דאס איז די זיידע פונעם חתן, האט דער מחותן צוגערופען דעם שדכן און איהם אויפגעהאלטען אויפדעם און איהם געזאגט 'למה רמיתני', פארוואס האסטו מיר געזאגט אז ער לעבט נישט, האט איהם דער שדכן געענטפערט און געזאגט צו דען הייסט דאס געלעבט?! (עי' ספר בית יעקב (אלכסנדר) סו"פ נצבים באורך).

**די** שאלה איז וואס מיינט געלעבט, ווייל ס'איז דא א לעבען און ס'איז דא א לעבען, כ"ק **אאז**"ל האט פארציילט אז דער ערשטע מאל ווען ער איז ארויסגעפארען קיין אמעריקא, האט ער זיך אינטערסירט ביי איינער פון די חסידים וואס ער מאכט און וואס איז זיין מצב אין פרנסה, האט איהם יענער געענטפערט מיט א קרעכטץ און געזאגט 'מ'מאכט א לעבען', דא אין ארץ ישראל - דאס שפריך ווארט פון 'מאכען א לעבען' מיינט אז מ'לאזט זיך וואויל גיין, מ'לעבט א חיי תענוג, און דער טאטע זכרונו לברכה האט נישט פארשטאנען פארוואס זאגט ער דאס מיט א קרעכטץ, שפעטער האט מען איהם געגעבען צו פארשטיין אז ער מיינט אז ער פארדינט אויף צו לעבען - כדי חייו, און דאס איז אזוי ווי פריער דערמאנט אז ס'איז דא אזא סארט לעבען און ס'איז דא אזא סארט לעבען. יעדער איינער פארשטייט וואס איז דאס די ריכטיגע לעבען, נישט קיין לעבען פון רייכקייט עולם הזה און חומריות, ווייל טראצדעם וואס דאס זעהט אויס וויא א 'לעבען', אבער אין אמת'ן אריין האט דאס נישט קיין 'חיות', א שטייגער וויא דער 'זנב הלטאה' אז אפילו ווען מ'שניידט איהר אפ שפרינגט נאך די שוואנץ אפילו אז זי האט שוין נישט קיין חיות. נאר די ריכטיגע לעבען איז א לעבען פון א העכערקייט, לעבען העכער פון די וועלטליכע זאכען, וחי בהם - לעבען אין תורה און מצוות.

**דער** גאנצע פרשה פון פרשת קדושים רעדט און ווארנט אן יודישע קינדער וועגען דער ענין פון זיך אפשיידען פון שלעכט'ס, און עס איז באוואוסט דאס וואס דער **רמב"ן** זאגט אנהייב פרשה, אז די מצוה פון 'קדושים תהיו' איז אז א מענטש זאל זיך הייליגען אפילו אין די זאכען וואס ער מעג יא טוהן - קדש

עצמך במותר לך, און נישט זיין קיין 'נבל ברשות התורה', ווייל ס'קען דאך זיין א מענטש וואס וועט נישט עובר זיין אויף אן אפענע איסור וואס שטייט אין די תורה, אבער פונדעם וואס ער ליגט און ער איז איינגעזינקען אין תאוות גשמיים, איז ער א 'נבל ברשות התורה', און אויפדעם קומט די תורה אוןווארנט אונז אז מ'זאל זיין אפגעשיידעט אפילו פון די מותר'דיגע זאכען.

**און** אזוי וויא אונזערע רבי'ס - **רבוה"ק זי"ע** האבען געזאגט, אז די תורה ווארנט אונז אן און זאגט (יח, ג) 'כמעשה ארץ מצרים וגו' לא תעשו', ס'שטייט נישט 'מעשה' נאר **כמעשה**, וואס דאס מיינט 'היא וכל ארגלייא דילה', אז מ'דארף אויך הייליגען די 'דברי הרשות' און זיי נישט טוהן אזוי וויא די מצרים און די כנעניים טוהן דאס, אזוי וויא דער **שפת אמת** זאגט דארט אין פרשת אחרי (תרל"ה ותרל"ט ועוד).

**און** דער וועג וויא אזוי מען קומט צו צודעם נישט מגושם ווערען פון די טומאה פון ארץ מצרים, איז אזוי וויא מען זאגט אין די הגדה 'צא ולמד', דאס מיינט אז פון אלע געשעענישען וואס איז געשעהן מיט די יודישע קינדער לערנט מען זיך 'חוקי חיים' - וויא אזוי א יוד דארף לעבען דא אויף די וועלט, 'וירד מצרימה - אנוס על פי הדבור, לגור שם - מלמד שלא ירד יעקב להשתקע במצרים אלא לגור שם', וואס לכאורה דארף מען פארשטיין וואס שטייט דא, ווייל מיר ווייסען אז ס'דא הלכות אין די גמרא ביז ווען ווערט א מענטש גערעכנט אלץ א 'גר' און א 'אורח' ווען ער קומט אן צו א נייע ארט, און פון ווען ווערט ער שוין גערעכנט אלץ א 'תושב', שלושים יום, און עס ווענדט זיך אויב ס'איז 'דעתו לחזור' אדער נישט, אבער דא ביי יעקב אבינו ע"ה איז ער דאך שוין געווען אין מצרים זיבעציג יאר, און שוין בשעת ווען ער איז אראפ קיין מצרים האט ער שוין געוואוסט אז ער וועט דארט בלייבען ביז'ן ענדע לעבען זיינע, און אזוי וויא דער אייבערשטער האט איהם געזאגט (ויגש מו, ד) 'אנכי ארד עמך מצרים ואנכי אעלך גם עלה ויוסף ישית ידו על עיניך', און זיינע קינדער נאך איהם זענען דארט געבליבען נאך הונדערטער יארען, און עס איז נישט דא קיין גרעסערע 'להשתקע' וויא דאס.

**נאר** דער פשט איז אז שלא 'להשתקע' מיינט אז מ'זאל נישט ווערן פארזינקען אינעם גשמיות און אין די טומאת פון ארץ מצרים, און אין דער גאנצע צייט וואס יעקב אבינו ע"ה און זיינע קינדער האט געוויילט אין מצרים, האבען זיי געדענקט אז זיי זענען אזוי וויא א 'גר' דא אויף די וועלט, און אזוי וויא עס שטייט אין חז"ל (תענית ה:) אז 'יעקב אבינו לא מת', און טראצדעם וואס 'ספדו ספדנייא וחנטו חנטייא וקברו קברייא', פונדעסטוועגען איז דאס נישט די עיקר חיות, נאר אזוי וויא עס שטייט אין די גמרא 'מה זרעו בחיים אף הוא בחיים', און 'אין היקש למחצה', און 'מה הוא בחיים אף זרעו בחיים' (עי' פרי צדיק ל"ג בעומר אות ג), און דאס איז פשט וואס שטייט 'מלמד' **שלא ירד יעקב אבינו להשתקע שם**, ווייל דאס לערנט אונז אויס דער וועג וויא אזוי צו לעבען דא אויף די וועלט, וואס דאס איז דורכדעם וואס מ'געדענקט אז מיר זענען יעקב אבינו'ס ע"ה קינדער, און מיר זענען ממשיך ווייטער זיינע דורות נישט צו זיין 'כמעשה ארץ מצרים', נישט צו זיין קיין 'נבל ברשות התורה', נאר - 'קדושים תהיו כי קדוש אני'.

**און** דאס איז די שייכות און די קשר פון די צוויי פרשיות פון 'אחרי מות קדושים', ווייל אויב א מענטש באקט אין זיך אריין אין טיפעניש פון זיין הארץ די ווערטער פון די תורת כהנים וואס רש"י ברענגט אראפ, אז 'בעולם הזה סופו מת', אז דאס לעבען פון 'עולם הזה' איז נישט די ריכטיגע לעבען וואס אויף זיי איז מען באפוילען געווארען אז ס'דארף זיין 'וחי בהם', אויב ער געדענקט אז 'אחרי מות' - וואס וועט זיין מיט איהם צום סוף, די גוף איז א טויטע גוף, ס'האט נישט קיין 'חיות' מצד עצמו, און אלע עניני עולם הזה זענען געשטארבענע זאכען, אזוי וויא דער **רמב"ם** (פ"ג מהל' מע"ש ה"י) שרייבט אויפדעם וואס שטייט אין פסוק ביי מעשר שני 'ולא נתתי ממנו למת' (כי תבא כו, יד) - **'לא הוצאתי אתו בדבר שאינו מקיים את הגוף'**, די רעכטיגע לעבען איז 'אתהלך לפני ה' בארצות החיים', דעמאלט קען זיין 'קדושים תהיו' - האסטו א מעגליכקייט זיך אפ צושיידען פון די שלעכט'ס און זיך הייליגען, קען מען זיך 'מקדש' זיין און זיך פירען וויא א יוד דארף זיך פירען.